איך אָבער האָב דיך יאָ געקענט; און די דאָזיקע
26 ווייסן, אַז דו האָסט מיך געשיקט; און איך האָב צו
זיי באַקאַנט געמאַכט דיין נאָמען, און וועל אים
באַקאַנט מאַכן, כדי די ליבע, מיט וועלכער דו
האָסט מיך ליב געהאַט, זאָל זיין אין זיי, און איך
אין זיי.

## קאַפּיטל אַכצן

1 האַבנדיק דאָס געזאָגט, איז ישוע אַרויסגעגאַנגען
צוזאַמען מיט זיינע תלמידים איבער דעם שטראָם
קדרון, וואו עס איז געווען אַ גאָרטן, אין וועלכן
2 ער איז אַריינגעגאַנגען מיט זיינע תלמידים. און
אויך יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, האָט געקענט
דאָס אָרט, ווייל אַ סך מאָל איז ישוע זיך דאָרטן
3 צוזאַמענגעקומען מיט די תלמידים זיינע. און
יהודה האָט באַקומען די אָפּטיילונג (סאָלדאַטן) און
משרתים פון די הויפּט־כהנים און פרושים, און איז
אַהינגעקומען מיט פאַקלען און לאָמפּן און כלי זין.
4 און ישוע האָט געוואוסט אַלץ, וואָס וועט קומען
אויף אים; און איז אַרויסגעגאַנגען און האָט צו זיי
5 געזאָגט: וועמען זוכט איר? האָבן זיי אים געענט־
פערט: ישוען, דעם נוצרי! זאָגט ער צו זיי: איך
בין עס! און יהודה, וואָס האָט אים פאַרראַטן, איז
6 געשטאַנען מיט זיי. און ווי ישוע האָט צו זיי געזאָגט:
איך בין עס! זענען זיי געגאַנגען הינטערוויילעכס
7 און זענען אַנידערגעפאַלן צו דער ערד. און ער
האָט זיי ווידער געפרעגט: וועמען זוכט איר? און
8 זיי האָבן געזאָגט: ישוען, דעם נוצרי! האָט ישוע
געענטפערט: איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך
בין עס! און אויב איר זוכט מיך, לאָזט די
9 דאָזיקע גיין; כדי עס זאָל מקוים ווערן דאָס